בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן

דֶער קוּנְטְרֵס רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, וָואס דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן אוּן אַ גוּט לֶעבְּן. אוּן אִיבֶּער דִי הַארְבְּקַייט פוּן קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, וָואס דָאס שֶׁעדִיגְט זַייעֶר שְׁטַארְק דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן רַייסְט אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "מְאִירַת עֵינַיִם" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָ"אשׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן

## א

דָאס אוֹיג פוּן אַ מֶענְטְש אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע אוּן גֶעהוֹיבֶּענֶע זַאךְ. דִי אוֹיגְן קֶענֶען זֶען גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן. אוּן דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אַזוֹי בַּיי אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, נָאר דִי אוֹיגְן פוּן יֶעדְן מֶענְטְש אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶעעֶן שְׁטֶענְדִיג גָאר גְרוֹיסֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רנ״ד) אַז וֶוען מֶען פִּירְט דוּרְךְ אַ זַאךְ גָאר שְׁנֶעל פַאר דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְש, וֶועט דֶער מֶענְטְש נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן וָואס עֶר

האָט געזען. כאָטש וואָס זיינע אויגן האָבן פּאַקטיש געזען די זאַך, אַזוי ווי אָבער דאָס אויג האָט געזען די זאַך גאָר שנעל, האָט עס נישט געהאַט קיין צייט צו שיקן דאָס בילד צום מוח, אַז דער מוח זאָל אויפֿכאַפּן און פֿאַרשטיין וואָס די אויגן האָבן געזען. פֿון דעם קען מען פֿאַרשטיין אַז עס זענען דאָ זאַכן וואָס דאָס אויג זעט, אָבער דער מוח כאַפּט עס נישט אויף.

אַזוי אַרבעט עס ביי יעדן מענטש. די אויגן פֿון מענטש זעען שטענדיג גאָר וואונדערליכע און גרויסע זאַכן וואָס קומען פֿאָר אויף דער וועלט; נאָר ער זעט עס אַזוי שנעל, אַז עס האָט נישט קיין צייט אָנצוקומען צו זיין מוח, אַז זיין מוח זאָל קענען אויפֿכאַפּן וואָס ער האָט געזען.

ווען מיר קוקן זיך אַרום אויף דער וועלט, זעען מיר נאָר אַ גאַנצע וועלט וואָס פֿירט זיך, מענטשן קומען

און גייען, מען בויעט גרויסע געביידעס, מען פירט גרויסע געשעפטן, עס פירט זיך גרויסע זאכן, און פון אויבן-אויף קען זיך דאכטן ווי דאס אלעס פירט זיך אליין, מען זעט גארנישט דעם אויבערשטן אויף דער וועלט. דער אמת איז אבער אז די גאנצע וועלט, מיט אלע זאכן וואס געפונען זיך אין איר, זענען איין שטיק אייבערשטער, דער אייבערשטער האט באשאפן יעדע זאך, ער פירט יעדע זאך, און ער איז יעדע זאך. ער האט זיך נאר אזוי פארשטעלט אין די וועלט, אז עס זאל אויסקוקן ווי די גאנצע וועלט האט גאר קיין שייכות מיט אים, ווען פאקטיש איז די גאנצע וועלט נאר איין שטיק אייבערשטער.

חז"ל זאגן (חגיגה י"ב:) "אוי להם לבריות שרואות ואינן יודעות מה רואות", ווי איז פאר די מענטשן וואס זיי זעען, און זיי ווייסן נישט וואס זיי זעען. ווען

# לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן

אַ אִיד הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען טָאר נִישְׁט; דַאן בַּאקוּמְט עֶר לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ כַאפְּן אַז אַלֶעס וָואס עֶר זֶעט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זֶעט מַאכְט אִים טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁמִירְט זִיךְ דִי אוֹיגְן מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַאן וֶוערְט אִים פִינְסְטֶער פַאר דִי אוֹיגְן, עֶר כַאפְּט גָארְנִישְׁט וָואס עֶר זֶעט, אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן דָאס בִּילְד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ זַיין מֹחַ.

מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין אַ וֶועלְט וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁמוּץ, וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט טְרֶעפְּט מֶען זִיךְ אָן מִיט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, עֶס אִיז הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל סָארְט שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען אוּן מָאוִויס צוּ וָואס יֶעדֶער

איינער קען האבן צוטריט, און דאס מאכט פיל שווערער דעם נסיון זיך צו קענען צוריק האלטן און נישט קוקן קיין שמוץ.

דער עיקר פון א איד איז די אויגן, ביים אייבערשטן איז די וויכטיגסטע זאך אז א איד זאל זיך היטן די אויגן (במדבר רבה, פרשת נשא, פרשה י׳, סימן ה׳); און פון די אנדערע זייט, אזוי ווי דער עיקר ציל פונעם יצר הרע איז אוועקצושלעפן א איד פונעם אייבערשטן, דעריבער וועט ער זיך אויף פארלייגן בעיקר אויף די אויגן, אזוי ווי די גמרא זאגט (סנהדרין מ״ה.) ״אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות״, דער יצר הרע קען ארבעטן אויף א מענטש נאר נאכדעם וואס ער איז אים מכשיל צו קוקן אויף שלעכטע זאכן, און דאס איז דער וועג ווי אזוי דער יצר הרע שלעפט אוועק א מענטש פונעם אייבערשטן.

דעריבער דארף א איד זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל זוכה זיין זיך צו קענען שטארקן איבער זיינע שווערע נסיונות. אפילו ווען א מענטש זעט אז עס גייט דורך טעג און וואכן, חדשים און יארן, וואס ער קען זיך נישט שטארקן איבער זיין יצר הרע, און ער מוז קוקן אויף שלעכטע זאכן, זאל ער אבער נישט אויפגעבן אויף תפלה, ער זאל נאר בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל זוכה זיין צו האבן ריינע אויגן, און דאן וועט ער זען אז סוף כל סוף וועט אים דער אייבערשטער העלפן אז ער וועט באקומען א ריינע מחשבה און א ריינע מח, זיין מח וועט אנהויבן נאר צו טראכטן פונעם אייבערשטן, זיינע אויגן וועלן נאר זען דעם אייבערשטן, און דאס וועט אים זיס מאכן דאס לעבן.

חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי פַּרְשַׁת נָשֹׂא) "יִשָּׂא ה׳ פָּנָיו אֵלֶיךָ, יִתֵּן לְךָ מָאוֹר עֵינַיִם", וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר לִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אוּן וֶוען מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם.

וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר זֶעט אוּן שְׁפִּירְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן הָאט עֶר אַ רוּאִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן. עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אֵיינֶער אַלֵיין פַארְלוֹירְן אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ דִי הַאנְט.

## ב

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ"ה) אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ נֵייעֶר נָאמֶען פַארְ'ן יֵצֶר הָרַע, הַיינְט דַארְף מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט רוּפְן דֶער

"יֵצֶר הָרַע", נָאר מֶען דַארְף אִים רופְן דֶער "כֹּחַ הַמְדַמֶּה".

הַיינְט צו טָאגְס קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוט פַארְשְׁטֵיין, דֶער עִיקָר יֵצֶר הָרַע אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דֶער "כֹּחַ הַמְדַמֶּה" - דִי דִמְיוֹנוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת און קוקְן שְׁמוּץ, עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן וואו עֶר גֶעפונְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זִיצְט נָאר צוגֶעבִּינְדֶען צו זַיין טֶעלֶעפָאן, צו זַיין קָאמְפְּיוּטֶער, צו זַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען, אָדֶער צו אַנְדֶערֶע סָארְט זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען קֶען זֶען שְׁמוּץ, און עֶר קוקְט און קוקְט און עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צו קוקְן. און דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין שום מַמָשׁוּת, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שום הַאפְּט, עֶס אִיז בְּלוֹיז דִי דִמְיוֹנוֹת וָואס לָאזְן אִים נִישְׁט צוּרוּה.

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי גֶעפַּאנְגֶען אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר לִיגְט, אַז עֶר כַאפְּט גָארְנִישְׁט אַז עֶר פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן. עֶר דְמְיוֹנְ'ט אוּן דְמְיוֹנְ'ט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר קוּקְט. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט אוֹיף אִיז נָאר אַז עֶר פַארְדְרֵייט זַיין מֹחַ, עֶר פַארְבְּרֶענְט זַיין מֹחַ, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ וִוי אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא ע"ד:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ו', ט') "טוֹב מַרְאֶה עֵינַיִם מֵהֲלָךְ נָפֶשׁ", עֶס אִיז עֶרְגֶער דָאס קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן אוֹיף שְׁמוּץ, וִוי דָאס טוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין. לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דָאס קוּקְן זָאל זַיין עֶרְגֶער וִוי צוּ טוּן עֲבֵירוֹת?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז פַארְ'ן יֵצֶר הָרַע אִיז בֶּעסֶער וֶוען עֶר קֶען צוּרֶעדְן דֶעם מֶענְטְש צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁמוּץ, ווִי וֶוען דֶער מֶענְטְש זָאל טוּן אַן עֲבֵירָה. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְש פַאלְט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה פוּן קוּקְן שְׁמוּץ, שְׁטֶעלְט זִיךְ עֶס נִישְׁט אָפּ בַּיי דֶעם, דִי פִילֶע שְׁמוּצִיגֶע סְצֶענֶעס וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעזֶען, בְּלַייבְּן בַּיים מֶענְטְש אִין מֹחַ, עֶס מֶעקְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אַזוֹי שְׁנֶעל, אוּן דָאס הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין אִיבֶּערְשְׁפִּילְן בַּיי אִים אִין קָאפּ, אוּן דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט קַיין מְנוּחָה. דֶער מֶענְטְש קֶען שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען ווִי גֶעהֶערִיג, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן גְרָאד, וַוייל זַיין מֹחַ אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט אוּן פַארְדְרֵייט פוּן דִי פִילֶע שְׁמוּץ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין צוּזַאם גֶעקוּקְט.

מֶען קֶען אַמָאל הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען זֵיי לֶערְנֶען אַ סֵפֶר אָדֶער קוּנְטְרֵס

וואס רעדט אסאך פון אמונה, אדער זיי הערן א דרשה וואס רעדט אסאך פונעם אייבערשטן; עס רעגט זיי אויף פארוואס מען דארף אזויפיל מאל נאכאמאל איבער׳חזר׳ן די פשוטע אמונה, פארוואס מען דארף אזויפיל רעדן פונעם אייבערשטן און דערמאנען דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל. ווען דער מענטש זאל זיך אבער אליין אנקוקן וועט ער זען אז דאס שטערט אים בכלל נישט צו קוקן נאכאמאל און נאכאמאל אויף שמוץ, ער האט דאך שוין געזען אזויפיל מאל שמוץ, עס רינט דאך אים שוין ארויס די שמוץ פון זיין נאז און אויערן, און פון דעסט וועגן ווערט ער נישט זאט און ער מוז זוכן און גריבלען נאכאמאל און נאכאמאל אין שמוץ, ער מוז קוקן נאך און נאך שמוץ און ער קען זיך נישט גענוג אפזעטיגן דערפון.

אַ איד האָט דאָך אָבער אַ אידישע נשמה וואָס קומט פונעם כסא הכבוד, פונעם אייבערשטן אַליין, און די נשמה וועקט זיך אַמאָל אויף בײַ אים, עס כאַפּט אים אָן אַן התעוררות ווען ער קוקט זיך אַרום און זעט ווי ווײַט ער איז פאַרקראָכן, ווי שטאַרק זײַן מוח איז אים פאַרדרייט געוואָרן פון אַזויפיל שמוץ; און דאַן דאַרף דער מענטש גיין צום אייבערשטן, און אים אויסדערציילן זײַן גאַנצע הארץ, דערציילן פאַר'ן אייבערשטן די אַלע שווערע נסיונות וואָס ער האָט, און ווי שטאַרק דער יצר הרע האָט אים אַריינגעדרייט אין שמוץ און ער זעט נישט דעם וועג אַרויס, און בעטן דעם אייבערשטן אַז ער זאָל קענען אַרויסקריכן פון אַלע שלעכטס, זיך צו קענען צוריק שטעלן אויפ'ן גלייכן וועג און צוריק קומען צום אייבערשטן.

## ג

מען דארף צו וויסן אַז מיט דעם וואס אַ מענטש לאזט זיינע אויגן אויף הפקר צו קוקן אויף שמוץ, דאס פארדרייט נישט נאר דעם מח פונעם מענטש ברוחניות, נאר דאס מאכט אים אויך משוגע בגשמיות, און ברענגט אויפ׳ן מענטש פילע סארט נערוון קראנקהייטן רחמנא ליצלן. ווען מען זעט אַ מענטש וואס איז אינגאנצן משוגע, זיין מח איז נישט באלאנצירט ווי עס דארף צו זיין, דארף מען וויסן אַז דאס קומט פון דעם וואס דער מענטש האט זיך נישט געהיטן די אויגן, ער האט געקוקט שמוץ, און דאס האט אים געברענגט צו טראכטן פון שמוץ, צו פוגם זיין בברית און מוציא זיין זרע לבטלה רחמנא ליצלן, און צו אנדערע שמוציגע עבירות פון נאוף, און דאס

האָט אים צום סוף איינגאַנצן אויסגעבערענט דעם מח און אים געמאַכט קראַנק אויף די נערוון רחמנא ליצלן.

די סאָרט שמוציגע עבירות מאַכן אַז דער מענטש זאָל נישט קענען טראַכטן נאָרמאַל, עס לאָזט אים נישט אָנגיין אין לעבן ווי נאָרמאַל, דער מענטש ווייסט נישט ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן אין זיין לעבן, ער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט זיך, מיט זיין פאַמיליע, מיט זיין פּרנסה, און אַזוי ווייטער. און דאָס ברענגט אויך אַז דער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין גרויסע און שווערע חובות, ער לעבט אין גרויס אָרימקייט און דחקות, און ער קען נישט אַרויסקריכן דערפון.

מיט דעם וואָס אַ מענטש שטאַרקט זיך נישט צו קוקן קיין שמוץ, ער בעט דעם אייבערשטן אַז ער זאָל פּטור ווערן פון אַלע סאָרט שמוץ, וועט דאָס אים אויך העלפן בגשמיות, ער וועט אַרויסקריכן פון אַלע זיינע

חובות און אָרימקייט, ער וועט באַקומען אַ ריינע און קלאָרע מוח צו קענען טראַכטן מיט ישוב הדעת און וויסן ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן אין לעבן.

די גמרא זאָגט (ברכות כ.) "עין שלא רצתה לזון ממה שאינו שלו, אין עין הרע שולטת בו". יוסף הצדיק האָט זיך געהיטן די אויגן נישט צו קוקן אויף פרעמדע פרויען, נישט צו קוקן אויף קיין פרוצות, אפילו ווען די פרוצה איז אים נאָכגעלאָפן און אים צוגערעדט צו טון עבירות, האָט ער נישט געוואָלט קוקן אויף איר און ער האָט זיך נאָר אַרויסגעדרייט פון איר. און אין דעם זכות האָט ער זוכה געווען צו די ברכה אַז עס זאָל אים גאָרנישט שאַטן קיין "עין הרע".

מיט דעם וואָס אַ איד שטאַרקט זיך איבער זיינע נסיונות, און ער קוקט נישט קיין שמוץ; מיט דעם איז ער זוכה צו געראַטעוועט ווערן פון עין הרע, פון

חובות און אָרִימְקֵייט, און פון אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און עֶר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע, זִיסֶע און גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן.

### ד

מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי יוֹסֵף הַצַדִיק אַז מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר נִישְׁט נָאר גֶעהָאלְפְן פַאר זִיךְ אַלֵיין, נָאר עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהָאלְפְן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁפֶּעטֶער אַרָאפְּגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם.

דִי לַאנְד מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען דִי "עֶרְוַת הָאָרֶץ", דִי לַאנְד אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט אַלֶע סָארְט שְׁמוּץ, און עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי אִידְן צוּ קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין מִצְרַיִם. נָאר אִין זְכוּת פוּן יוֹסֵף הַצַדִיק וָואס עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זִיךְ צוּ הִיטְן און זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר מִיט דֶעם אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין

מִצְרַיִם, וָואס דָאס הָאט גֶעהָאלְפְן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען הַאלְטְן עֶרְלִיךְ אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִין מִצְרַיִם.

און דָאס גֵייט וַוייטֶער אַזוֹי אָן אִין אַלֶע דוֹרוֹת; וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, זִיךְ צוּ הַאלְטְן נָאנְט צוּ אַ צַדִיק, צוּ אוֹיסְהֶערְן אוּן צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק, וֶועט דָאס אִים הֶעלְפְן אַז דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק וֶועט אִים אוֹיךְ גֶעבְּן "לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן", אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי שְׁמוּץ אִין וָואס עֶר לִיגְט.

מִיר פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען, וִוי וַוייט זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דִי אוֹיגְן אוּן דֶעם מֹחַ אַז זֵיי זֶעעֶן גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דער מדרש זאגט (בראשית רבה, פרשה א׳, סימן א׳) אַז אַזוֹי ווי ווען אַ קעניג דאַ אויף דער וועלט וויל בויען אַ פּאַלאַץ, ווערט ער אויפנעמען אַ קלוגער מענטש וואָס זאָל קודם אויספּלאַנירן די בוי אַרבעט, דער מענטש וועט אויפשרייבן אויף פּאַפּירן דער פונקטליכער פּלאַן ווי אַזוֹי דער פּאַלאַץ דאַרף געבויעט ווערן, וואו עס זאָל זיין יעדע שטוב אין פּאַלאַץ, וואו עס זאָל זיין די קאָרידאָרן פון פּאַלאַץ, און אַזוי ווייטער אַלע פונקטליכע דעטאַלן אַרום און אַרום; די זעלבע האָט דער אייבערשטער געטון ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט; די תורה דאָס איז געווען זיין בוי פּלאַן, ער האָט אַריינגעקוקט אין די תורה און לויט דעם באַשאַפן די וועלט.

יעדע זאַך אויף די וועלט איז צוגעבינדען צו די תורה. יעדע זאַך אויף די וועלט איז צוגעבינדען צו די

הֲלָכָה. עֶס זֶענֶען דָא הֲלָכוֹת וָואס הָאבְּן צוּטוּן מִיט "דוֹמֵם", עֶס זֶענֶען דָא הֲלָכוֹת פַאר "צוֹמֵחַ", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זֶענֶען דָא הֲלָכוֹת פַארְבִּינְדֶען מִיט "חַי" אוּן "מְדַבֵּר". וֶוען דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים קוּקְן אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועלְן זֵיי נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דִי זַאךְ, עֶס וֶועט זֵיי מַאכְן טְרַאכְטְן פוּן דִי הֲלָכוֹת וָואס זֶענֶען פַארְבִּינְדֶען מִיט דִי סָארְט זַאךְ, אוּן עֶס וֶועט זֵיי מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשִׁים פוּן דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ.

מִיר זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועלְן מִיר זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִי צַדִיקִים, מִיר וֶועלְן הֶערְן אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִיקִים, וֶועט דָאס אוּנְז אוֹיךְ הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן כָאטְשׁ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן צוּ זֶען נָאר שְׁמוּץ אִיבֶּערָאל, אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען

אויסקלארן אביסל די אויגן און מח צו טראכטן אביסל מער פונעם אייבערשטן, צו לעבן מער מיט'ן אייבערשטן, און נישט זיין אזויפיל פארנומען מיט שמוץ.

## ה

פאר א מענטש וואס איז אריינגעפאלן אין שמוץ איז אים זייער שווער זיך צו מכניע זיין צו א צדיק, ווי אזוי זאל ער קענען מיט זיין מח - וואס האט זיך צוזאם געקוקט און זיך אנגעפולט מיט אלע סארט שמוץ - פארשטיין די וועגן פון א צדיק וואס ער זעט נאר דעם אייבערשטן און לעבט נאר מיט'ן אייבערשטן?

דוד המלך זאגט אין תהלים (נ"ה, כ"א) "שלח ידו בשלומיו חלל בריתו", ווען מען זעט א מענטש וואס רעדט אויף צדיקים, וואס מאכט חוזק פון צדיקים, קען מען זיין זיכער אז דער מענטש האט זיכער געטון זייער

שמוציגע עבירות, עס מוז זיין אז ער ליגט אין שמוץ, אז ער קוקט זיך אן מיט שמוץ, און דאס ברענט אים אויס דעם מח אז ער זאל נישט קענען ליידן א צדיק וואס איז צוגעקלעבט צום אייבערשטן, און ער מוז רעדן אויף צדיקים.

ווען א מענטש האט אבער רחמנות אויף זיך אליין, וועט ער זיך נישט צוהערן צו די שמוציגע מענטשן וואס רעדן אויף צדיקים, נאר ער וועט אוועקלייגן זיין שכל און אויפזוכן א צדיק וואס קען אים העלפן, ער וועט טרעפן א צדיק וואס פארשטייט זיינע שוועריקייטן, א צדיק וואס וועט אים קענען געבן גוטע עצות ווי אזוי ארויסצוקריכן פון פלאנטער, א צדיק וואס וועט אים אויפשיינען זיין לעבן און אריינשיינען אין אים די ליכטיגקייט פונעם אייבערשטן מיט אזא שטארקייט אז ער וועט שוין נישט וועלן מער

צוריקגיין צו די שמוציגע זאכן וואס מאכן נאר חרוב זיין לעבן.

פארשטייט זיך אז מען קען נישט גיין צו סיי וועמען וואס פארופט זיך צו זיין א צדיק. ליידער זענען אויך דא אסאך פאפערס וואס שטעלן זיך אהער ווי צדיקים. סתם ליידיג-גייער וואס פארנארן מענטשן אז זיי קענען ליינען די הענט און די שטערן, אז זיי קענען ליינען מזוזות און כתובות, און נאך פארשידענע סארט איינרעדענישן מיט וואס מען קען זייער גרינג פארדרייען דעם קאפ פאר מענטשן אז מען זאל זיך איינרעדן אז פון דארט וועט מען טאקע געהאלפן ווערן.

ווען מען גייט צו א צדיק דארף מען נאר קוקן אויב דער צדיק קען טאקע העלפן דעם מענטש, אויב ער קען עפעס צושטעלן פאר'ן מענטש עפעס אין די האנט

אַרַיין, אוֹיבּ עֶר קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דָאס קֶען אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶר אִיז נָאר אַרַיינְגֶעפַאלְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דֶער צַדִיק הֶעלְפְט אִים טַאקֶע אַרוֹיס, עֶר דֶערְנֶענְטֶערְט אִים טַאקֶע צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען עֶר זַיין רוּאִיג אוּן וִויסְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר אַוֶועקְוַוארְפְן זַיין שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת׳דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

## ו

עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (פרשת קדושים דף פ"ד.) אז רבי שמעון בן יוחאי איז אמאל געגאנגען מיט זיינע תלמידים אויפ'ן גאס און עס איז זיי אנטקעגן געקומען שיינע פרויען, האט רבי שמעון בן יוחאי געזאגט פאר זיינע תלמידים דעם פסוק (ויקרא י"ט, ד') "אל תפנו אל האלילים ואלהי מסכה לא תעשו לכם". דער פסוק זאגט דארט אז מען זאל נישט קוקן אויף עבודה זרה'ס און נישט מאכן קיין עבודה זרה'ס. דארף מען פארשטיין וואס האט דער פסוק צו טון מיט דעם אז מען זאל נישט קוקן אויף קיין פרעמדע פרויען?

נאר די צוויי זאכן גייען איינאיינעם, ווען מען קוקט אויף פרעמדע פרויען, ווען מען קוקט אויף שמוציגע זאכן, ווען מען קוקט שמוציגע מאגאזינען און שמוציגע מאוויס, דאן איז דאס אזוי ווי עבודה זרה,

דָאס רַייסְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת י״ב:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בַּמִדְבָּר ט״ו, ל״ט) ״וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם״ אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין נָאךְ דִי עֲבוֹדָה זָרָה׳ס אוּן אוֹיךְ נִישְׁט נָאךְ נִאוּף.

אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה; דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן צוּ לִיגְן אִין שְׁמוּץ, צוּ קוּקְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן שְׁמוּץ, אוּן דָאס וֶועט אִים אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אָפְּשְׁוַואכְן זַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט הָאבְן אַ בִּיטֶערֶע אוּן אוּמְבַּא׳טֲעַמְ׳טֶע לֶעבְן, פוּל מִיט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. אָדֶער קֶען עֶר זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן זִיךְ צוּצוּקְלֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶעבְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן דָאס וֶועט

אִים רַאטֶעוֶועַן פוּן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ וָואס דָאס פַארְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן דַאן וֶועט עֶר הָאבְּן אַ זִיסֶע אוּן לִיכְטִיג לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמֶת'עֶ וֶוערְטֶער אִין זַיין הַארְץ, וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן "לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן", עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אַלֶעמָאל, סֵיי אוּיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוּיף יֶענֶע וֶועלְט.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**